אין געוועב
IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**ייִדישע שטעטלעך פֿון פּוילן • Jewish Towns of Poland**

by Chaim Grade, translation by Julian Levinson

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (March 2019)

For the online version of this article:

[http://ingeveb.org/texts-and-translations/jewish-towns-of-poland]

# ייִדישע שטעטלעך פֿון פּוילן

# Jewish Towns of Poland

Chaim Grade
translated by Julian Levinson

**Introduction:** Widely known as one of the most distinguished writers of Yiddish prose of his generation, Chaim Grade (1910-1982) began his literary career as a poet. Born in Vilna and educated at the legendary Novaredok Yeshiva, Grade abandoned the yeshiva at twenty-two, associating himself with the burgeoning literary movement *Yung vilne* (Young Vilna). When the Nazis invaded Vilna in 1941, Grade fled to the Soviet interior, where he remained throughout the war. It was during a brief sojourn in Paris in 1947 that he wrote the cycle of poems translated here.

An outstanding example of a poetic response to the Holocaust in its immediate aftermath, this work appeared as the opening section of a Grade's collection *Shayn fun farloshene shtern* (Shine of Extinguished Stars, 1950). This volume came out as part of *Dos poylishe yidntum*, a renowned book series published in Buenos Aires and a key platform for sustaining a global Yiddish literary community after the war.

Grade's poem is written in lines that frequently scan as dactylic hexameter, which given its association with epic poetry is a fitting meter for a poem about the destruction of Jewish civilization in eastern Europe. The poem imagines the perspective of somebody returning to the cities and towns of Poland, now empty of Jews. It cycles through feelings of bewilderment, horror, rage, yearning, reverence, and regret. Particular scorn is held out for the Poles who were formerly the neighbors of Jews—and now gloat in their absence.

A striking rhetorical strategy in the poem involves projecting sites and figures from the sacred history of Judaism onto the landscape of Jewish eastern Europe. We see this particularly in section III, where a river from the poet's hometown becomes the Jordan, every wall becomes the Western Wall, and Rachel and Leah join the women of the shtetl on the porches outside their homes. The optimistic note in the poem's final stanza comes as an unexpected finale. It is as though the intensity of the poet's mourning has brought him into the presence of a world that has disappeared, providing consolation along with the strength to persevere.

# Jewish Towns of Poland

I.

Jewish towns of Poland, were you made of nothing but straw and moss
That the wind could carry you off without a trace?
My penniless Sabbath, my holy enchanted week, have you left no heirs behind?
And will these church bells say kaddish for you, now that you're gone?

Your fate was written on your ashen faces,
Though you raised your heads to the skies, as if building towers there—
And when you prayed your hands shone like distant lights;
And your fingers became shields from death.
But the evil decree, which God never uttered from His lips,
Was stamped by Him in the panic of your eyes.

You winced at night from unknown fears,
And you crept to the door, as if answering a secret call, a lamp in hand,
As though expecting an honored guest,
The Baal Shem himself cutting a quick path to your home.
But in the darkness you heard only the silence of a stone,
Like an animal choking in a stone-plated vise—

Grandfathers sorely tried: you hid the agony of your years in ancient carvings,
So that I, your grandson, would not inherit this pain—
Only your shining gaze.
But sadness dragged behind you like a shadow;
The threshold to your hovels covered up an abyss.
You sold herring to the peasants—even as Sinai's laws shone on your shops.

Fathers lost in dreams, your wiry beards
Are now spider-webs hanging in the autumn air;
They hang, your beards and side-curls, on the crooked willows on Polish soil,
Like the harps left by the rivers of Babylon, silenced and turned to rust.

II.

The bus speeds up, as if it can already feel Warsaw in ruins,
Exhaling the restlessness of big cities; and the passengers
Become giddy as they twirl their mustaches.

The townsfolk have inherited the pride of estate owners.
They exult: the wheat is flourishing and the day is clear.
But as the road makes a sudden turn through the woods,
Their greasy faces bend into smiles, hinting at secrets.
They wait for their "forest brothers" to leap out,
The ones who can tell a Jew by the terror in his eyes.

In Sochaczew they arrive at a tavern,
And, seized with hunger, the passengers storm the table,
Recalling the Jewish years long gone by.
They tell the barman to bring peppered, Jewish fish.
They down their whiskey as joy sparkles in their eyes:
To think the bearded merchants will return no more to the market stalls.
The town now wears a peasant's face, sunburnt and freckled,
And fleshy peasant women stand in doorways overhung with crucifixes.

The marketplace fills with merchants and wheelbarrows,
The fair is a clamor, more colorful than before.
And the maidens of the village kneel before a stone Jesus
As if thanking him that the Jews are now gone.

A receding flood of water leaves a deeper trace than the places where we dwelt.
But I still see on the stoops of houses—owned by others,
The secret shadows with screaming beards and sidelocks, scattered in the storm.

The overlords are sated; they emerge from the tavern,
And stretch out on the benches.
The bus tears out from the station. A Pole lies back, dozing on the seat, and tasting again the Jewish meal he has eaten.

But I look through the window, expecting a Jewish cobbler to jump out, waving a shoe like a banner, black as death,
And crying an echoing, bitter melody:
"Buy boots, buy my boots," while bursting with laughter, the landowners answer:
"He doesn't know he's already dead, this Yankel."
The mud under the wheels splatters him, as it would a broken fence by the side of the road.

III.

Jewish towns of Poland, you blazed in my heart and my memory,
Like the places in the Holy Land that lit up the pages of Torah.
My childhood years were barefooted steps over a river that passed my home, which became my Jordan.

And now every wall I see is a ruin of the Western Wall,
And as once in Bethlehem, a lament rises from the streets of Krakow.

Lublin, you have always learned the Torah of Yavneh,
For you are a master in all the sacred traditions—
Who will learn and pray in your Yeshivas now?

Dear mothers from the Yiddish Bibles, Rachel and Leah of the women's prayers,
You sat on the porches with all the women of the town.
Angels who accompanied Jacob, where will you find peace?
You have become orphaned guests, condemned to wander and beg.
And you, Patriarchs from Canaan, once at home in this land of the Poles,
You who stood like a divide between barman and drunken peasants,
The way back to heaven has been closed off to you
Because you walked along our streets, wearing our clothes.
The heavens no longer recognize you, and you gaze out, terrified, from
A trampled hedge, from a ruined gate,
Like a pious old Jew from a tiny village,
Who wakes from his Sabbath nap to find the world has turned upside-down.

The boys no longer stroll with girls on the riverbank,
And no longer do buses avoid the town on Sabbath,
The uncircumcised sit like honored men at the doors of Jews,
They have torn the siding from the stores,
The holy books thrown away, the wooden synagogue destroyed.
And all that remains is dragged through a den of wolves;
They trade in the wares of Jews—but no price can regain their faith,
Which long ago, on market days, was given freely by Reb Leib Sores.

IV.

Jewish towns of Poland, all that your neighbors have taken from you—I relinquish,
I have mourned your desolation with bitter tears;
And still will I always follow you, disappearing shadows, and beg for answers:
Why did you entrust your holy days to this exile
And why set these Polish towns like jewels in your crown of Torah?
Why, blind in your faith, did you build palaces of mystic knowledge beside the castles of dukes?
Why, dear brothers, plant orchards of wisdom in the void, on the overgrown, hunchbacked roofs of prayer houses?
Why, Hasidic sages, did you dance in ecstatic trance along the meadows of gentiles, summoning the presence of God to ask for a pair of trousers?

With goose quill and the purest ink, moving with unhurried grace, the scribes wrote

out the mezuzah-scrolls
Which we affixed to our doorposts, to keep evil spirits away, to keep them from
driving us out;
Our melody was infused with the winds of home.

We spread ourselves thin across fields like a gilded chain
And villages with road-side crosses spun into the wheel of our dance,
For our children we built and reaped,
As if the land belonged to us.
But the neighbors took wood from our study houses to repair their bridges.
And stones from our cemeteries to pave their roads.

V.

Our great-grandfathers formed these synagogues of stone,
Their naked walls showing only the name of God;
And for hundreds of years we've guarded these benches,
Shaped by the traditions that carried us here.
We lived in cellars, our shrine a prayer-stand made of oak.
We dressed in rags, but adorned the ark in curtains of silk.
On frozen mornings, our bodies were warmed by King David's Psalms,
Though we were nearly struck down by the burdens of life.

Porters with iron shoulders, who bring cargo throughout the town:
You kept yourselves safe with the lightness of words, your suffering made holy by
silence.
With staggering humility, you sat on the lowest step,
Consoled at the thought that you too had a portion in God's Torah,
A rope around your waist, like the sashes of holy men.
As you carried heavy loads, snow enveloped you like a fur coat.
And only at weddings or the birth of a child,
Would tears slide down your face.

Jews peddling pieces of fruit, pungent of ripened soil,
With hairy faces, muddy boots and fur-lined hats,
The scent of wine-apples in your mossy beards,
Your hearts pure as a robe on Yom Kippur.
Wagon drivers, chilled by frost and ignited by scorn,
Your mouths filled with wind and screams,
Your hearts with silent pity.
You carried the dust of village roads on the hem of your garments,
The light from home shining all around you,
Cradling you warmly as a child.

Generations of tailors who passed on needles and thread,
And songs like incantations to earn a living,
You bent over your workbench, lost in thought, humming a melody,
As if deciding a religious matter—as you cut the cloth in two.

Dealers in junk, your clothes like rusty tin,
A "trading post" in your arms, as if part of your own body.
The faces of the people never abandoned you,
And your hearts brimmed with compassion.

Jewish mothers, frozen hands carrying baskets,
When you blessed the candles, shielding your eyes with cracked fingers,
The noises of the market still echoed in your mind.
And you wept for your Sabbath, cursed by a week of trouble.
Sabbath-eve wives with smoothly combed wigs,
You looked to the road: isn't that Elijah the prophet on his way and you the first to
notice him?
But when you looked to the west, you saw hellish fires flickering in the setting sun,
the arrival of the week's agonies.

VI.

And you, young comrades in flowing shirts and red neckties,
Warming yourselves by a bonfire in the woods,
Striving to mend the contorted limbs of your fathers;
Where are you now? Little boys, darkened by the sun, where are you?
You knew you were descendants of Maccabees; you sang the praise of naked bodies.
I too journeyed with you, forest wanderers,
To a place of revelry, where you became drunk from the greenery and the light of the
moon.

And the stooped mothers smiled in amazement,
When you flowed through town with shining flags,
Slender bodies tanned by the glowing sun,
Rebels against the Lord.
Streets and attics you traded for fields and tents.
And as your grandfathers battled with ideas, you vied against each other in swimming
contests,
You reclaimed forbidden worlds—
May I still borrow your joyful voices?

And you, my children, who traded ancient rooms with Bible lessons
For a Yiddish school, its windows wide open—
How your cheeks would glow and your eyes light up,

When the tree outside was wrapped in blooms like a veil.
And your teachers, pensive in thick eyeglasses,
Led you to the forest to find shrubs.
And you, denizens of my own dark alley, dressed in rags,
Children who should remain children a while longer,
Though the worries of elders descended upon you,
You yearned for those days at school—visited them in dreams,
Listening as your father, returning from a week of labor,
Sang hymns to the angel of peace.

Illumined shapes, even now I am seized with joy by your locks of hair, like waves of wheat in a field.
And even now your child-like whimpering rises from the earth.
Though I hide from your gaze, I still see your smiles, eyes welling up, a look of surprise,
As if death were a chance meeting, not an unknown terror,
And I must weep that I've become so used to my loneliness.
To you, my lost hope, my descendents, I sing songs in Yiddish.

And you, comrades in arms! Your skin was ashen grey, like the walls of the cells where you sat imprisoned;
The sunbeams that sawed through your windows gave you all the faith you needed,
But you too fell for the deception.
You took to heart your gentile neighbor, the call of his earth,
And loved his language as you did his meadows;
For his sake, you turned away from your tribe,
And gave him the gift of your strength.
I remember you, comrades, locked in heated debate,
Even drawing knives against each other—
Now you lie together, shrouded in death
On the fields of home, dispersed among snow and rain.

VII.

Jewish towns of Poland, the heavens were a shawl, woven from your prayers,
But your cries ripped the fabric of your hushed melodies.
You lived off the brilliance of unrealized dreams
Like the reflection of days on the surface of a well at night.

Do not abandon me, my flaxen-haired comrades, my grey, kind-hearted elders.
As though in your clothes, I hide my face in the wind
As if before creation, my world is without form and void.
I drag on my back the graveyards— through Jewish towns, I wander aimless and blind,
I look to the roads for the shawls you spun,

From Hasidic tales, graveyard legends, and labor songs;
If I could find the shreds of your prayer shawl,
I would weave it back together.

I walk the roads of Poland. The winds are howling,
Like gangs of Hasidim on pilgrimage to the Rebbe,
Singing and dancing, arms linked together,
Striding on ahead,
Pushing me onwards, into life.

Paris, 1947

Ann Arbor, 2018

.

# ייִדישע שטעטלעך פֿון פּוילן

א

ייִדישע שטעטלעך פֿון פּוילן, זײַט איר דען געווען בלויז פֿון שטרוי און פֿון מאָך,
אַז געקענט האָט דער ווינט אָן אַ שפּור אײַך פֿאַרטראָגן?
מײַן אָרעמער שבת, מײַן הייליק פֿאַרדבֿקעטע וואָך,
האָט איר ניט געלאָזן קיין יורש, און קדיש נאָך אײַך וועט דער קלויסטערגלאָק זאָגן?

געווען איז דער גורל געחתמעט אויף אײַערע בלייכע געזיכטער,
כאָטש איר פֿלעגט פֿאַררײַסן די קעפּ צו דעם הימל, ווי איר וואָלט דאָ טורעמס געבויט —
אײַך האָבן בײַם דאַוונען געלויכטן די אייגענע הענט ווי ניט־דאָיִקע ליכטער,
איר האָט מיט די פֿינגער פֿאַרשטעלט זיך פֿון טויט.
דעם גזר וואָס עס האָט גאָט אַליין אויף זײַן מויל ניט געבראַכט,
האָט ער אין דעם אומרו פֿון אײַערע אויגן פֿאַרשטעמפּלט,
פֿון שרעק ניט־פֿאַרשטאַנענער האָט איר געצאַפּלט בײַ נאַכט,
און ווי נאָך אַ רוף אַ געהיימען, אַרויסגיין פֿלעגט איר בײַ דער טיר מיט אַ לעמפּל,
ווי איר וואָלט דערוואַרט אַז אַן אורח זאָל קומען —
מיט קפֿיצת־הדרך זאָל קומען צו אײַך דער בעל־שם,
נאָר הערן פֿלעגט איר בײַ דער נאַכט בלויז דאָס פֿינצטערע שטומען
פֿון שטיין, ווי עס וואָלט אַ בעל־חי זיך געוואָרגן אין שטיינערנעם קלעם.

זיידעס געפּרוּווטע, אין אײַערע זקנישע קאַרבן
פֿלעגט איר די זאָרגן פֿון אײַערע יאָרן באַהאַלטן,
אַז איך, אײַער אייניקל, זאָל אײַער ווייטיק ניט אַרבן,
נאָר אײַער בליק דעם צעשטראַלטן.
דער טרויער האָט נאָכגעשלײַכט זיך הינטער אײַך ווי אַ שאָטן,
די שוועלן פֿון אײַערע שטיבער פֿאַרשטעלט אונטער זיך האָבן — תּהומען.
פֿאַרקויפֿט האָט איר הערינג די פּויערים, נאָר די צען סיני־געבאָטן
האָבן געלויכטן אויף אײַערע קראָמען.

טאַטעס פֿאַרחלומטע, אײַערע סטרוניקע בערד
זײַנען אַצינדער דער האַרבסטיקער שפּינוועבס וואָס הענגט אין דעם אַוויר —
זיי הענגען, די בערד און די פּאות, אויף ווערבעס צעקרימטע אויף פּוילישער ערד,
אַזוי ווי די האַרפֿעס בײַם טײַכברעג פֿון בבֿל, פֿאַרשטומט און פֿאַרזשאַווערט.

ב

דער אויטאָבוס אײַלט זיך, ווי ער וואָלט דערפֿילט אין דער נאָנט שוין די חרובֿע וואַרשע,
וואָס אָטעמט נאָך אַלץ מיט גרויסשטאָטישער אומרו... און פֿריילעכער ווערן די פֿאָרער,
מען גלעט זיך די וואָנסעס, עס האָבן די בירגער די גאווה די פּאַנסקע געירשנט
פֿון פּריצים. מען קוועלט: ס׳איז געראָטן דער ווייץ און דער טאָג איז אַ קלאָרער.
נאָר ווען מען פֿאַרקערעוועט האַסטיק דורך וועלדער געדיכטע,
באַווײַזן זיך דעמאָלט אויף שמאַלציקע פּנימער שמייכלען געהיימע,
מען וואַרט, אַז די „וואַלדברידער“ זאָלן פֿון וואַלד טאָן אַ שפּרונג אומגעריכטע,
דערקענען מען וועט שוין דעם ייִד נאָך די אויגן פֿול אימה...

אין סאָכעטשעוו שטעלט מען זיך אָפּ, צו אַ שענק די מאַשין איז דערפֿאָרן,
און די פּאַסאַזשירן באַלאַגערן הונגעריק, לוסטיק דעם טיש,
און זיך צו דערמאָנען אַמאָליקע ייִדישע יאָרן,
מען בעט בײַ דעם שענקער געפֿעפֿערטע ייִדישע פֿיש.
מען נעמט אַ טרונק בראָנפֿן און פֿרייד אין די אויגענעס פֿינקלט,
וואָס ס׳זײַנען ניטאָ מער קיין סוחרים קיין בערדיקע בײַ די געשטעלן,
דער מאַרקפּלאַץ איז אויך ווי אַ פּויערשער פּנים מיט זונפֿלעקן געל דורכגעשפּרינקלט,
און פֿליישיקע פּויערטעס שטייען אויף איבערגעצלמטע שוועלן.

דער מאַרקפּלאַץ מיט הענדלער און דאָרפֿישע וועגענער פֿול איז,
נאָך בונטער, פֿאַרשמײַעטער ליאַרעמען איצט די ירידן,
בײַ יעזוס דעם שטיינערנעם קניִען די דאָרפֿישע בתולות,
ווי זיי וואָלטן אָפּגעדאַנקט אים וואָס עס זײַנען ניטאָ מער קיין ייִדן.

אַ וואַסער־פֿאַרפֿלייץ וואָס פֿאַלט אָפּ לאָזט סימנים מער איבער
ווי ס׳האָט אונדזער ייִשובֿ דאָ איבערגעלאָזן,
בלויז איך זע אויף גאַניקעס פֿון די פֿאַרנומענע שטיבער —
פֿאַרסודעטע שאָטנס מיט בערד און מיט פּאות וואָס שרײַען אין שטורעם צעבלאָזן.

צופֿרידענע גייען די שׂררות אַרויס פֿון דעם שענקל,
און ציִען זיך אויס בהרחבֿההדיק אויף די געזעסן,
דער אויטאָבוס רײַסט זיך אַוועק מיט געפּילדער. דער פּאָליאַק צעלייגט אויפֿן בענקל
אין דרימל, פֿילט ווידער דעם טעם פֿון דעם ייִדישן מאכל וואָס ער האָט געגעסן.

נאָר איך קוק אַרויס דורך דעם פֿענצטער ווי איך וואָלט געריכט זיך, אַז באַלד וועט אַ שפּרונג טאָן
אַ ייִדישער שוסטער, און ווי מיט אַ טויט שוואַרצער פֿאָן,
אַ פֿאָך טאָן וועט ער מיט אַ שטיוול וואָס איז אויף זײַן האַנט אָנגעטאָן,
און מיט אַ צעצויגענעם ביטערן ניגון אַ זונג טאָן:
„קויפֿט בײַ מיר שטיוול!“ אַרויס וועלן מיט אַ געלעכטער די פּריצים:
„ער ווייס נאָך ניט, יאַנקל, אַז ער איז שוין טויט.“
די בלאָטע פֿון אונטער די רעדער וועט טאָן אַ באַשפּריץ אים,
ווי ער וואָלט געווען בײַ דער זײַט פֿון דעם וועג אַ צעבראָכענער פּלויט.

ג

ייִדישע שטעטלעך פֿון פּוילן, געלויכטן האָט איר אין מײַן האַרץ און זכּרון,
אַזוי ווי מיר האָבן אין חומש געשײַנט די מקומות אין הייליקן לאַנד,
מײַן קינדצײַט איז באָרוועס אַריבער מײַן היימטײַך און ער איז מײַן ירדן געוואָרן,
דערפֿאַר איז אַצינדער אַ חרובֿער כּותל־מערבֿי מײַן איטלעכע וואַנט.
אַזוי ווי אַ מאָל פֿון בית־לחם, גייט אויף אין די נעכט אַ געיאָמער פֿון קראָקע.
לובלין, דו האָסט אַלץ נאָך געחזרט די תּורה פֿון יבֿנה,
און דו ביסט געוועזן אין אַלע תּוספֿתּאָס אַ בקי —
ווער וועט אין דײַנע ישיבֿות איצט לערנען און דאַוונען?

איר גוטע אמהות פֿון עבֿרי־טײַטש, רחל ולאה פֿון תּחינה,
געזעסן זײַט איר אויף די גאַניקעס צווישן די ווײַבער פֿון שטעטל.
מלאָכים, באַגלייטער פֿון יעקבֿן, וווּ וועט איר אָפּרו געפֿינען?
איר זײַט איצט פֿאַראָרעמטע אורחים, פֿאַרמישפּט אויף בעטל.
און איר מײַנע אָבֿות פֿון כּנען, פֿאַרהיימישט אין שטוב בײַ דעם פּאַכטער,
איר זײַט צווישן שענקער און פּויערים שיכּורע ווי אַ מחיצה געשטאַנען,
דער וועג צו דעם הימל צוריק איז פֿאַר אײַך אַ פֿאַרמאַכטער;
ווײַל איר פֿלעגט אין אונדזערע בגדים אין אונדזערע געסעלעך שפּאַנען,
דערקענט אײַך דער הימל ניט מער... און איר קוקט נאָך דערשראָקן
פֿון הינטער אַ פּלויט אַ געפֿאַלענעם, פֿון אַ צעוואַלגערטן טויער,
ווי נאָכגעקוקט וואָלט אַ פֿאַרפֿרומטער קליינשטעטלשער זקן,
וואָס שטייט אויף פֿון שלאָף אין אַ שבת בײַ טאָג און דערזעט אַז די וועלט גייט קאַפּויער —

נאָר ניט קיין געזעלן מיט מיידלעך בײַם טײַכברעג שפּאַצירן,
און אויך ניט קיין אויטאָבוס פֿאָרט דורך דעם שטעטל אום שבת —
ערלים נאָר זיצן ווי שטאָט־באַלעבאַטים בײַ ייִדישע טירן.
אַרונטערגעריסן זיי האָבן פֿון קראָמען די שטאַבעס,
די ספֿרים צעפֿליקט, און די הילצערנע שולן צעבראָכן,
און וואָס עס איז איבערגעבליבן, פֿאַרשלעפּט אין די וועלפֿישע נאָרעס.
זיי האַנדלען מיט ייִדיש פֿאַרמעגן — און ניט מיט בטחון,
אַזוי ווי אַ מאָל אויף די יאָרמערק דער רבי לייב שׂרהס.

ד

ייִדישע שטעטלעך פֿון פּוילן, איך האָב זיך פֿון אײַער פֿאַרמעגן
וואָס ס׳האָט אײַער שכן צערויבט — אָפּגעזאָגט שוין,
איך האָב אײַער אומקום מיט גלײַיקע טרערן באַקלאָגט שוין,
נאָר איך וועל באַשטענדיק אײַך נאָכגיין, פֿאַרשווּנדענע שאָטנס, און פֿרעגן:
פֿאַר וואָס האָט איר אויך אײַער יום־טובֿ דעם גלות פֿאַרטרויט,
און פּוילישע שטעטלעך ווי טײַערע שטיינער פֿאַרוועבט אין דעם כּתר
פֿון תּורה? פֿאַר וואָס האָט איר, בלינד פֿון בטחון, געבויט

דעם היכל פֿון חסידות אַנטקעגן די פֿירשטלעכע שלעסער?
פֿאַר וואָס האָט איר, ברידער, דעם פּרדס פֿון חכמה געפֿלאַנצט
אין חלל, אויף גרינע געהויקערטע דעכער פֿון קלויזן?
פֿאַר וואָס האָט איר, חסידים, אויף גויִשע לאָנקעס פֿאַרדבֿקעט געטאַנצט,
און געגעבן די שכינה דאָ הויזן?

עס פֿלעגן געלאַסענע סופֿרים מזוזות אויף פּאַרמעטן שרײַבן
מיט גענדזענע פֿעדערס און גאָלישן טינט,
און מיר פֿלעגן אָנקלאַפּן זיי אויף די טירן, אַ סגולה מען זאָל אונדז פֿון לאַנד ניט פֿאַרטרײַבן,
געברומט האָט אין אונדזער נגינה דער היימישער ווינט.

מיר האָבן אויף פֿעלדער געפֿלאָכטן זיך גלײַך ווי אַ גילדענע קייט,
און דערפֿער און וועג־צלמים אויך אין דעם טאַנצראָד פֿאַרוויקלט.
מיר האָבן פֿאַר אונדזערע קינדער געבויט און געזייט,
אַזוי ווי דאָס לאַנד וואָלט געווען אונדזער אייגנס —
נאָר אָפּגעמאַכט האָבן די שכנים: מען זאָל פֿון בית־מדרש־געהילץ אויפֿן טײַכל פֿאַרריכטן דאָס בריקל,
און פֿון די מצבֿות אַ ברוק זאָל מען לייגן.

ה

געגרונטפֿעסטיקט האָבן די אורזיידעס שטיינערנע שולן,
די נאַקעטע ווענט מיט דעם שם פֿון הוויה באַצירט,
און מיר האָבן אָפּגעהיט הונדערטער יאָרן די שטולן
פֿון יענע מנהיגים וואָס האָבן אַהער אונדז דערפֿירט.
מיר האָבן אין קעלערס געוווינט, נאָר אַ דעמבענעם עמוד אין שולכל געשניצט.
אין שמאַטעס געקליידט זיך, נאָר סאַמעט און זײַד איז געווען דער פּרוכת.
אין קאַלטע פֿאַרטאָגן האָט דודס געזאַנגען פֿון תּהילים דערהיצט
די לײַבער, וואָס זײַנען אין עול פֿון דעם לעבן געפֿאַלן אָן כּוחות.

טרעגער מיט אײַזערנע אַקסלען משׂאָות צו שלעפּן,
איר האָט זיך געהיט מיט אַן איבעריק וואָרט, די יסורים אין שווײַגן געהייליקט,
עניוותדיק זײַט איר געזעסן אויף אונטערשטע טרעפּן,
דערפֿרייט און געטרייסט וואָס אויך איר האָט אין תּורה אַ חלק.
די לענדן מיט שטריק ווי צדיקים מיט גאַרטלען פֿאַרגורט,
האָט איר שווערע לאַסטן געטראָגן, פֿאַרוויקלט אין שניי ווי אין פּעלצן.
און נאָך אויף אַ חתונה צי אויף אַ ייִנגלס געבורט,
פֿלעגן אויף אײַערע באַקן די טרערן זיך שמעלצן.

ייִדן סאַדאָווניקעס מיט אַ צעווירעטן ריח פֿון ערד,
מיט האָריקע פּנימער, בלאָטיקע שטיוול און פֿוטערנע היטלען,
געשמעקט האָט מיט ווײַניקע עפּל פֿון אײַערע מאָכיקע בערד,
ריין איז געווען אײַער האַרץ ווי יום־כּיפּור די קיטלען.

פֿראָסטיקע פֿורלײַט, צעבייזערטע שטאָט־בעלי־עגלות,
די מײַלער פֿול ווינט און געשריי, און די הערצער פֿול שטילן דערבאַרעם,
דעם שטויב פֿון די שליאַכן געטראָגן האָט איר אין די פּאָלעס,
דאָס ליכט פֿון דער היים האָט אײַך נאָכגעשײַנט, קינדיש פֿאַרוויגט און געוואַרעמט.

שנײַדער־משפּחות וואָס האָבן בירושה מיט נאָדל און פֿאָדעם באַקומען —
אויך לידער, ווי דאָס וואָלט געווען צו פּרנסה אַ שפּרוך,
איר פֿלעגט צו דעם וואַרשטאַט זיך אָנבייגן מיט אַ פֿאַרמוחטן ברומען,
ווי איר וואָלט אַ שאלה געפּסקנט — ווען איר האָט געשניטן דאָס טוך.
הענדלער פֿון אַלטוואַרג, די בגדים ווי בלעכן פֿאַרראָסט,
די „קראָמען מיט סחורה“ האָט איר אויף די אָרעמס געטראָגן, ווי איר וואָלט פֿון זיך אויסגעטאָן עס.
אײַך האָט ניט קיין מאָל דער פּרצוף פֿון מענטשן פֿאַרלאָזט,
פֿול איז געווען אײַער האַרץ מיט רחמנות.

ייִדנעס מיט אָפּגעפֿרוירענע הענט בײַ די קוישן,
ווען איר פֿלעגט די בענטשליכט פֿאַרשטעלן מיט פֿינגער פֿון ווינטן צעשפּאָלטן,
פֿלעגט דער פֿאַרקללהטער מאַרק נאָך אין מוח אײַך רוישן,
און איר האָט באַוויינט אײַער שבת וואָס איז צו דער וואָך גלײַך פֿאַרשאָלטן.
שבת־פֿאַרנאַכטיקע ווײַבער מיט גלאַטע פֿאַרקעמטע פּאַרוקן,
אַרויסקוקן פֿלעגט איר צום וועג: קומט ניט אָן אליהו און איר וועט די ערשטע דערזען אים?
נאָר אומגעריכט פֿלעגט אײַך באַפֿאַלן די עצבֿות פֿון וואָך ווען איר פֿלעגט זיך פֿאַרקוקן
אין מערבֿ, ווו ס׳האָט אין דעם זון־אונטערגאַנג זיך צעפֿלאַקערט דער גיהנום.

ו

און איר מײַנע יונגע חבֿרים אין ווינטיקע בלוזעס און רויטע קראַוואַטן,
צעלייגט האָט איר זיך אין די וועלדער אַרום אַ צעפֿלאַקערטן שײַטער,
און אויסגלײַכן האָט איר געפּרוווט די געבויגענע גלידער פֿון טאַטן —
ווו זײַט איר אַצינדער, פֿאַרבראָנדזיקטע ייִנגלעך. ווו זײַט איר?
דערמאָנט האָט איר זיך, איר זײַט אייניקלעך פֿון מאַקאַבייער,
האָט איר אויפֿגעזונגען אַ לויבליד צו נאַקעטע גופֿן,
איך האָב אײַך באַגלייט אויף דער וואַנדערונג, וואַלדיקע גייער,
ווען איר האָט געיובלט פֿון רחבֿות, פֿון גרינס און פֿון ליכטשײַן בגילופֿין.

און ס׳האָבן געהויקערטע מאַמעס געשמייכלט דערשטוינטע,
ווען איר האָט מיט זוניקע פֿענער געפֿלייצט דורך דער שטאָט,
און אײַערע קערפּערס די שלאַנקע, אין זונגלי פֿאַרברוינטע,
האָבן ווי מורד געוועזן אין גאָט.
די געסלעך און ביידעמער האָט איר פֿאַרביטן אויף פֿעלד און געצעלטן,
און גלײַך ווי די זיידעס אין לערנען, האָט איר זיך פֿאַרמאָסטן אין שווימען,
איר האָט אָפּגענומען צוריק די פֿאַרבאָטענע וועלטן —
וועל איך ניט פֿאַרנעמען מער אײַערע פֿריידיקע שטימען?

און איר, מײַנע קינדער, דעם ענגן אַמאָליקן חדר דעם פֿײַכטן,
האָט איר אויף אַ ייִדישער שול מיט צעעפֿנטע פֿענצטער פֿאַרביטן,
די בעקעלעך פֿלעגן זיך אָנצינדן אײַך און די אויגן אַ לײַכט טאָן,
ווען ס׳האָט זיך דער בוים בײַ דער שול אײַנגעשלייערט אין בליטן.
און ס׳זײַנען די לערער, געמאָסטענע, ערנסט־באַברילטע,
געגאַנגען מיט אײַך אין די וועלדער געוויקסן צו קלײַבן.
אַז איר פֿון מײַן חושכדיק געסל אין טראַנטעס פֿאַרהילטע,
אַז איר, מײַנע קינדער, וואָס לענגער זאָלט — קינדערלעך בלײַבן.
און ווען ס׳האָט די זאָרג פֿון דערוואַקסענע אײַך אײַנגעשפּאַנט אין איר יאָך,
האָט איר נאָך דער שולצײַט געבענקט און געזען זי אין חלום,
ווי אײַער פֿאַרדאגהטער טאַטע צוריק אײַנגעשפּאַנט אין דער וואָך,
פֿלעגט הערן נאָך זינגען אין שלאָף די מלאַכי־השלום.

ליכטיקע קעפּ מײַנע, נאָך ביז אַצינד גיבן פּלוצלינג אויף מיר אַ צעוויי זיך
אײַערע לאָקן, ווי ווייצענע כוואַליעס אין פֿעלד,
נאָך ביז אַצינד רײַסט אַרויס פֿון דער ערד אײַער קינדיש געשריי זיך —
כאָטש איך האָב מײַן פּנים פֿון אײַערע בליקן פֿאַרשטעלט,
דאָך זע איך אײַך שמייכלען פֿאַרטרערטע און קוקן דערשטוינט,
ווי אײַך וואָלט דער טויט ניט געגרוילט, נאָר פֿאַרחידושט,
און וויינען מוז איך וואָס איך בין שוין מיט עלנט געוווינט,
אויף אײַך, מײַן פֿאַרלוירענע האָפֿענונג, נאָכגייער מײַנע, געזאַנגען אויף ייִדיש.

און איר, מײַנע קעמפֿער! ס׳איז אַש גרוי געווען אײַער הויט,
אַזוי ווי די ווענט פֿון דער תּפֿיסה ווו איר זײַט געזעסן פֿאַרשפּאַרטע.
דעם זונשטראַל וואָס האָט אײַער קראַטע געזעגט האָט איר גלייביק געטרויט —
אויך איר זײַט געבליבן גענאַרטע.
געווען איז אײַך נאָנט דער ניט־ייִדישער שכן, די נויט פֿון זײַן ערד,
און ליב געהאַט האָט איר זײַן לשון אַזוי ווי זײַן לאָנקע,
איר האָט צוליב אים זיך פֿון אייגענעם שטאַם אָפּגעקערט,
און אים אײַער כּוח געשאָנקען.
כ׳געדענק אײַך, חבֿרים, צעהיצט אין וויכּוחים, צעקריגט,
און אָפֿט פֿלעגט איר, ברידער, מיט מעסערס גיין איינס אויף די צווייטע. —
אַצינד ליגט איר אַלע אין איינעם אין טויט אײַנגעוויגט
אויף היימישע פֿעלדער, אין שניי און אין רעגן פֿאַרווייטע.

ז

ייִדישע שטעטלעך פֿון פּוילן, געווען איז דער הימל אַ טלית פֿון אײַערע תּפֿילות געוועבט,
נאָר ס׳האָט אײַער קרעכץ אַ געוואַלדריס געמאַכט אין געוועב פֿון די שטילע ניגונים,
איר האָט מיט אַן אָפּגלאַנץ פֿון ניט־אויסדערציילטע חלומות געלעבט,
אַזוי ווי דער אָפּשײַן פֿון טאָג אין אַ נאַכטיקן ברונעם.

פֿאַרשווינדט ניט פֿון מיר, מײַנע בלאָנדע חבֿרים און זקנים גוטהאַרציקע גרויע,
אַזוי ווי אין אײַערע קליידער, באַהאַלט איך מײַן פּנים אין ווינט.
ווי ס׳וואָלט נאָך געווען פֿאַר בראשית — מײַן וועלט איז איצט תּוהו־ובֿוהו,
איך שלעפּ אויף די אַקסל בית־עולמס — דורך שטעטלעך ייִדישע בלאָנדזשע איך בלינד.

איך זוך אויף די וועגן דעם טלית וואָס איר האָט געשפּונען
פֿון חסידישע מעשׂיות, בית־עולם־לעגענדעס און אַרבעטער־לידער,
ווען איך וואָלט אַ שטיק פֿון צעריסענעם טלית געפֿונען,
דאַן וואָלט איך אים אויסגעוועבט ווידער.

איך גיי אויף די וועגן פֿון פּוילן. עס רוישן די ווינטן,
ווי מחנות פֿון חסידים וואָס פֿאָרן אויף יום־טובֿ צום רבין,
פֿאַרפֿלאָכטן די אָרעמס זיי זינגען און טאַנצן, זיי שפּרײַזן פֿון פֿאָרנט, פֿון הינטן,
און שטויסן פֿאָרויס מיך צום לעבן.

פּאַריז, 1947.